KELER-KINDER

Vladimir Galaktionovich Korolenko

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG



MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center



The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

שול- און פּיאָנערן-ביבליאָטעק

וו. ג. קאָראָלענקאָ

קעלער-קינדער

אידיש ה. ר.

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג

„קולטור-ליגע“

קיעוו — 1927

מעלוכע - טרעסט „קיעוו - דרוק"
4-טע דרוקעריי, וואָראָווסקי 42.
באשט. 3418, געדרוקט—4000.
אקרליט 2814 №

מיין מאַמע איז געשטאָרבן, אַז איך בין אַלט געווען פינף יאָר. דעם טאַטן איז דאָס אַזוי דערגאַנגען, אַז אין מיר האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן צי איך לעב גאָר אַף דער וועלט. צייטנווייס פלעג ער האָלובען מיין קליין שוועסטערל סאָניע און האָט אַף זיין שטייגער געזאָרגט פאַר איר, ווייל זי האָט געכאַפּט דעם אָנבליק פון דער מוטער. און איך בין געוואָקסן, ווי אַ ווילד ביימל אין פעלד; ס'איז ניט געווען ווער זאָל פאַר מיר זאָרגן, נאָר דערפאַר האָט מיר קיינער ניט געשטערט טון, וואָס איך וויל.

דאָס שטעטעלע, וואו מיר האָבן געוואוינט, האָט געהייסן ק נ י א ַ ז ש ע ־ וו ע נ א, אָדער פּאָשעטער, ק נ י א ז ש ־ ה א ָ ר א ָ ד א ָ ק. עס האָט געהערט צו אַ פאַראָרעמטער, נאָר שטאָלצער פּוילישער מישפּאָכע און איז ענלעך געווען אַף אַלע אַנדערע קליינע שטעטלעך אין די דאָרעם־מאַירעווודיקע גובערניעס.

אַז איר וועט צופאָרן צום שטעטעלע פון מיזרעך־זייט, וועט זיך פריער פון אַלץ אייך וואַרפן אין די אויגן די טורמע — דאָס בעסטע אַרכיטעקטאָרישע צירונג אין שטאָט. דאָס שטעטל אַליין האָט זיך צעוואָרפן אונטן באַ שלעפעריקע פאַרשימלטע סאַזשלקעס, און מע לאָזט זיך אַראָפּ צו דעם אַראָפּ־באַרג מיט אַ שאָסיי, וואָס איז פאַרשטעלט מיט אַ שלאַמבאָן. אַ שטענדיק פאַרשלאָפענער זעלנער, אַ אינוואַליד, הייבט אוף פויל דעם שלאַמבאָן, און איר זיינט אין שטאָט, כאָטש מיטאַמאָל, עפּשער, באַמערקט איר דאָס ניט. גרויע פאַרקאַנעס, פּוסטע פּלעצער מיט קופּעס מיסט און פאַרשיידענע שמאָכטעלייען

גרענעצן זיך ערטערווייס מיט בלינדינקע, אין דער ערד איינגע־זונקענע שטיבלעך. ווייטער גייט אַ ברייטער פּלאַץ, איבערגעשניטן אין פֿאַרשיידענע ערטער מיט טונקעלע טויערן פֿון אידישע „איינ־פֿאָר־הייזער". די „קאַזיאָנע" געביידעס וואַרפֿן אָן אַן אומעט מיט זייערע ווייסע ווענט און מיט די קאַזאַרמיש־גראָדע ליניעס. דער הילצערנער בריק, וואָס איז איבערגעוואָרפֿן איבער אַ שמאָל טייכל, קרעכצט און טרייסלט זיך אונטער די רעדער און שאָקלט זיך, ווי אַ שוואַכער זאָקן. אַף יענער זייט בריק ציט זיך די אי־דישע גאַס מיט מאַגאַזינען, קלייטן, קלייטלעך, טישן פֿון אידן־כאַלפֿאָנים, וואָס זיצן אונטער פֿאַראַסאָלן אַף די טראָטואַרן, און מיט שטעלן פֿון די זיצערנס. אַן אַוועק, אַ בלאָטע, הורעס קינ־דער, וואָס פֿויזען אַרום אינם שטויב פֿון גאַס. נאָר אָט, נאָך איין מינוט, און איר זיינט שוין אַף יענער זייט שטאָט. שטיל שושקען זיך די בערעזעס איבער די קוואָרים אַפֿן צווינטער, און דער ווינט כוואַליעט דעם ברויט אַף די פֿעלדער און זינגט אויס אַן אומעטי־קע, אומענדלעכע ליד אין די דראָטן פֿונם טעלעגראַף, וואָס באַם וועג.

דאָס טייכל, איבער וועלכן ס'איז אַריבערגעוואָרפֿן דער מאָנטער בריק, פֿליסט אַרויס פֿון איין סאַזשלקע און פֿאַלט אַריין אין דער צווייטער, אַזוי אַרום איז פֿון צאָפֿן־ און פֿון דאָ־רעם־זייט דאָס שטעטל אַרומגעצוימט מיט ברייטע וואַסער־גלאַטן און מיט זומפּן. די זומפּן זיינען פֿון יאָר צו יאָר פֿליטקער געוואָרן, פֿאַרוואַקסן געוואָרן מיט גרינס, און די הויכע געדיכטע טשערעטן האָבן זיך געכוואַליעט, — ווי דער יאַם, אַף די אומגעהייער גרויסע זומפּן. אינדערמיט פֿון איין סאַזשלקע איז געווען אַ אינזל; אַף דעם אינזל — אַן אַלטער האַלבכאָרעווער שלאָס.

איך געדיינק, מיט וואָס פֿאַר אַ שרעק איך פֿלעג קוקן אַף דערדאָזיקער גרויסאַרטיקער, אַלטער געביידע. ס'האָבן זיך אַרומ־געטראָגן וועגן דעם שלאָס אַלערליי לעגענדעס און מאַיסעס, איינע שרעקלעכער פֿון דער צווייטער. מ'האָט דערציילט, אַז דער אינזל

איז קינסטלעך אָנגעשאָטן מיט די הענט פון געפאַנגענע טערקן. „אַף מענטשלעכע ביינער שטייט דער אַלטער שלאָס“,— האָבן אי־בערגעגעבן אַלטע לייט, און מיין דערשראָקענע קינדערשע פאַנ־טאַזיע האָט זיך אויסגעמאָלט טויזנטער טערקישע סקעלעטן אונ־טער דער ערד, און מיט ביינערדיקע הענט האַלטן זיי אונטער דעם אינזל מיט זיינע הויכע פּיראַמידאַלע טאָפּאָלן, מיט דעם אַלטן שלאָס. פאַרשטייט זיך, אַז דערפאַר איז דער שלאָס אויסגעקומען נאָך שרעקלעכער, און אַפילע אין לויטערע טעג, ווען די ליכטיקע שיין און דער הויכער געזאַנג פון פייגלען האָבן אונז צו־געגעבן מוט און מיר פלעגן צוגיין נעענטער אַביסל צום שלאָס, אַפילע אין אַזוינע טעג פלעג ער אָפּט אָנוואַרפן אַף אונז אַ ווילדן פּאַכעד. אַזוי שרעקלעך האָבן אַף אונז געקוקט די שוואַרצע לעכער פון די לאַנג אויסגעשלאָגענע פענצטער. אין די פוסטע זאַלן איז אומגעגאַנגען עפּעס אַ געהיימער שאָרי, שטיינד־לעך און שטוקאַטורקע האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער הייך און, פּאַלנדיק, האָבן זיי געוועקט א הילכיקן ווידערקאָל, און מיר זיינען געלאָפן, ניט אומקוקנדיק זיך אַף צוריק, און הינטער אונז האָט זיך נאָך לאַנג געהערט אַ קלאַפּעריי, אַ טופּעריי און אַ געלעכטער.

ס׳איז געווען אַ צייט, אַז דער שלאָס איז געווען אַן אומזיס־טיקער מאָקעם פאַר וואו ערגעץ אַן אָרעמאַן. אַלץ, וואָס האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען אין שטאָט, אָדער וואָס האָט פאַרלאָרן די מעגלעכקייט, איבער אַזאַ צי איבער אַן אַנדער סיבע, אָפּצאָלן כאָטשבי עטלעכע וויסטע גראָשן פאַר אַ דאַך און פאַר אַ ווינקל אַף נאַכט אין אַ שלעכטן וועטער, דאָס אַלץ האָט זיך גע־צויגן אַפּן אינזל, און דאָרט, אין די כּוישעכדיקע כורוועס, וואָס האַלטן אַלע רעגע באַ איינפאַלן, דאָרט האָבן זיי צוגעשפּאַרט זייע־ערע העלדישע קעפּ, און פאַר גאַסטפריינטלעכקייט האָבן זיי גע־צאָלט נאָר מיט דער ריזיקע פאַרשאָטן צו ווערן אונטער הורעס מיסט. „ער וואוינט אין שלאָס“, דידאָזיקע פראַזע האָט מען גע־ווינלעך באַ אונז באַנוצט, קעדיי אויסצודריקן די לעצטע מאַד־

רייגע פון אָרעמקייט. דער אַלטער שלאָס האָט גאַטסטפּריינטלעך אופגענומען און באַשיצט אי אַ צייטווייליק פאַראָרעמטן שרייבערל פון אַ קאַנצעלאַריע, אי אַ פאַרוואָרלאָזטע אַלטינקע, אי היימלאָזע בראָדיאַגעס. אָט דאָס גאַנצע אָרעמקייט האָט געריסן די געדערים פון דעם שלאָס, אָפּגעבראָכן די סטעליעס און די דילן, געהייצט די אויוונס, עפּעס געקאָכט און מיט עפּעס זיך געשפּייזט.

נאָר פלוצלינג האָבן זיך אָנגעהויבן קריגערייען אין דער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך פריטוליעט אונטער דער שוץ פון די גרויע כורוועס, און ס'איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעכע איבערקערעניש. דער אַלטער יאַנוש, איינער פון די געוועזענע נידעריקע אָנגעשטעלטע פון דעם לעצטן הערשער פונם שלאָס, דעם אַלטן גראַף, האָט זיך אויסגעבעטן עפּעס א מין טיטל פון אַ פאַרוואַלטער, און מיט איין מאָל אויסגעקערט אַ גאַנצע מיינגע היימלאָזע אָרעמעלייט, וואָס האָבן זיך געפונען אַ ווינקל ערגעץ אין די קעלערס און אַף די בוידעמס פונם האַלב צעשטערטן שלאָס. עטלעכע טעג דורכאַנאַנד איז אַפן אינזל געווען אַזאַ ליאַרעם, ס'האָבן זיך געטראָגן אַזוינע יאָמערן, אַז צייטנווייס האָט זיך אויסגעדאַכט, ניט אַנדערש, אַז די טערקן האָבן זיך אַרויסגעריסן פון זייערע אונטערערדישע טפיסעס, קעדיי זיך נויקעם זיין אין די אונטערדריקער די פריצים. יאַנוש האָט איבערגעלאָזן אין שלאָס נאָר „גוטע קריסטן”, ד. ה. קאַטוילן, און דערביי דערהויפּט אַזוינע, וואָס זיינען אַמאָל געווען מעשאָרסים אָדער קומען אַרויס פון געוועזענע מעשאָרסים, וואָס האָבן אַמאָל געדינט באַ די גראַפן.

דער אינטערעסאַנטסטער פאַרשוין צווישן אָט דער גאַנצער כעוורע אָרעמעלייט, וואָס איז אַרויסגעפלויגן פון שלאָס, וועלכער האָט מיט זיי אַלעמען געקאָמאַנדעוועט, ווי מיט אַ געטרייען כאַיל, איז געווען פאַן טיבורצי דראַב. זיין געשטאַלט האָט זיך אַזוי ביז הייט אין מיין קינדערשער פאַנטאַזיע. אויסערלעך איז ער געווען אַ הויכער, אַביסל אַזוי ווי סוטולעוואַטע, מיט אַ מעגושעמדיקן גראָב-

אויסדריקלעכן פּאָנים. זיינע קורצע געלבלעכע האָר האָבן גע־
שטעקט אין אַלע זייטן; דער נידעריקער שטערן, דער עטוואָס
אַרויסגערוקטער ־ינבאַק, די שטאַרקע באַוועגלעכקייט פון זיינע
פּאָנים־מוסקולן האָבן צוגעגעבן דער גאַנצער צורע זיינער עפּעס
אַ מאַלפּישן אויסזען; נאָר די אויגן, וואָס האָבן געגלאַנצט פון
אונטער די אַראָפּגעהאַנגענע ברעמען, האָבן געקוקט עפּעס אַזוי
פּאַראַקשנט און פינצטער און ס'האָבן אין זיי געלויכטן, צוזאַמען
מיט פּאַרביסנקייט, אַ דורכנעמענדיקע שאַרפקייט, ענערגיע און
גרויסע כאָכמע. מיטן פּאָנים פלעג ער מאַכן אַלערליי לייצאָנישע
האַוואַיעס, און אין דערזעלבער צייט האָט זיך באַ אים אין די
אויגן שטענדיק געהאַלטן איינער און דערזעלבער אויסדרוק, און
מיך, וואָס איך בין נאָך געווען אַ קינד, פלעג אָנעמען אַ
גרויל, קוקנדיק אַף די לייצאָנישע שטיק פון דעמדאָזיקן מענטשן.

דער סאָד, וואָס האָט אַרומגערינגלט פּאַן טיבורציס אָפּשטאַ־
מונג, האָט געבראַכט דערצו, אַז אין די אַרומיקע דערפער האָט
ער אַפילע געשעמט פּאַר אַ קישעפמאַכער. ער אַליין האָט מיסטאָ־
מע מיטן גאַנצן האַרצן זיך אויסגעלאַכט פון אָט דער מענטשישער
טיפּשעס, נאָר, אַז מען פלעג אים אַמאָל רופן אָפּשפּרעכן, פלעג
ער זיך ניט אָפּזאָגן, און אַנשטאָט אַ שפּרוך פלעג ער לייענען
שטיקלעך פון טיט ליווי *).

פּאַן טיבורצי האָט געהאַט קינדער אויך, נאָר זיינע, צי פרעמ־
דע — דאָס האָט קיינער ניט געקענט זאָגן. ער האָט זיי פון ער־
געץ געבראַכט און זיי האָבן געוואוינט צוזאַמען מיט אים אַפן
באַרג, לעבן דער קאַפּליצע, אין אַ קעלער־הייל. דאָס אינגעלע איז
אַלט געווען זיבן, דאָס מיידעלע — דריי יאָר. דאָס אינגעלע, וואַ־
לעק האָט ער געהייסן, איז געווען אַ הויכער, אַ דינער, אַ שוואַרצ־
האָריקער; ער פלעג אַמאָל אַרומגיין איבעריק שטאָט ליידיק, אַן אָנ־
געבראָגעזטער, מיט די הענט אין קעשענעס און פלעג אַזוי וואַרפן

---

*) אַ רוימישער היסטאָריקער.

מיט די אויגן אין אַלע זייטן, אַז די זיצערנס פלעגט אַזש ווערן קאַלעמוטנע. דאָס מיידעלע האָט מען אַ פּאָר מאָל געזען אַף פּאַן טיבורציס העגט, דערנאָך איז זי פאַרשוואונדן געוואָרן און קיינער האָט ניט געוואוסט, וואוהין איז זי אַהינגעקומען.

דער באַרג לעבן דער קאַפּליצע, אַ באַדעקטער מיט קוואָרים, האָט געהאַט אַ שלעכטן שעם. אַפן אַלטן צווינטער פלעגן אין די האַרבסטיקע נעכט זיך אָנצינדן בלויע פייערלעך. און אין דער קאַפּליצע האָבן פוהאַטשעס *) געשריען אַזוי קוויטשעדיק און הויך, אַז פונם דאָזיקן געשריי פון דעם פאַרשאָלטענעם פויגל פלעג אַפילע באַם העלדישן שמיד פאַרקלעמען באַם האַרצן.

פון זינט די מאַמע איז געשטאָרבן און דעם טאַטנס פאַרצאָרגטער פּאָנים איז געוואָרן וואָס א טאָג פינצטערער, האָט מען מיך זעלטן ווען געזען אינדערהיים. אין די שפּעטיקע זומערדיקע אָפּדערנאַכטן פלעג איך זיך דורכגאַנוועגען איבערן סאָד, שטילערהייט אויסמיידן א באַגעגעניש מיטן טאַטן, און מיט באַזונדער צוגעטראַכטע האַמצאָעס פלעג איך עפענען מיין פענצטער, וואָס איז געווען באהאַלטן אין דער געדיכטער גרינס פון בעז, און פלעג זיך שטילערהייט לייגן אין בעט אַריין. אויב מיין קליין שוועסטערל איז נאָך ניט געשלאָפן אין איר קליין וויגעלע אין דעם צווייטן צימער, פלעג איך צוגיין צו איר, און מיר פלעגן זיך שפּילן שטילערהייט, קעדיי ניט צעשלאָגן דעם שלאָף פון אונזער אַלטער אַם, וואָס האָט ליב געהאַט וואָרטשען. און אינדערפרי, קאַיאָר, אַז אין שטוב איז מען נאָך אַלע געשלאָפן, פלעג איך שוין דורכלייגן א טויאיקן שפור איבער די געדיכטע גראָזן, וואָס אין אונזער גאָרטן, פלעג איבערקריכן איבערן פאַרקאַן און אַוועק צו דער סאַזשלקע, וואו עס פלעגן שוין וואַרטן אף מיר מיט וועגטקעס נאָך אַזוינע קונדייסים־כאַווײרים, אָדער צו דער מיל, וואו דער פאַרשלאָפענער מילנער האָט ערשט אָפּגעעפנט די שלוזן, און די וואַסער, צאַפּלענ־

*) סאָוועס.

דיק וואַכיק אף דער שפּיגלדיקער אויבערפלאַך, האָט זיך גע־וואָרפן אין די „קאַסטנס" און האָט זיך מונטער גענומען צו דער אַרבעט.

דערנאָך בין איך געגאַנגען ווייטער. איך האָב ליב געהאַט באַ־געגענען דאָס אופוואַכן פון דער נאַטור; איך בין געווען צופרידן, אַז ס'האָט זיך מיר איינגעגעבן דערשרעקן א פאַרשלאָפענעם לאַרך*), אָדער ארויסטרייבן פון אַן אַקער־שניט א שרעקעוודיק העזל. טראָפּנס טוי האָבן געקאַפּעט פון א ציטעריק אַספּע־ביימל און פון די קעפּ־לעך פון די פעלד־קווייטן, בעאייס איך האָב געשפּאַנט איבער די פעלדער צום וועלדל, וואָס הינטערן שטאָט. די ביימער האָבן מיך באַגעגנט מיט א שאָרי פון פוילן דרימל.

איך פלעג באַווייזן מאַכן א גאַנץ ווייטן שפּאַציר, און אין שטאָט האָב איך נאָך אַלץ באַגעגנט פאַרשלאָפענע געשטאַלטן, וואָס האָבן געעפנט די לאָדן פון די הייזער. נאָר אָט האָט זיך שוין די זון אופגעהויבן איבערן באַרג, און פון יענער זייט סאַזשלקעס הערט זיך שוין דאָס שרייענדיקע גלעקל, וואָס רופט צונויף די גימנאַזיסטן, און דער הונגער צווינגט מיך זיך לאָזן אַהיים צום אינ־דערפריענדיקן טיי.

ביכלאַל האָט מען מיך גערופן „בראָדיאַגע", שלעכטער, נישטי־קער יונג, און מע פלעג דאָס אַזוי אָפּט איבערכאַזערן, אַז איך בין לעצטנס אַליין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ס'איז אַן עמעס. דער פאָטער האָט אויך געגלויבט, אַז אַזוי איז דאָס און פלעג מאַכן אמאָל א פּרואוו זיך פאַרנעמען מיט מיין דערציאונג. נאָר פון די פּרואוון פלעג גאָרנישט ניט אַרויסקומען. קוקנדיק אפן אַלטן און פינצטערן פּאָנים פון מיין פאָטער, אַף וועלכן ס'איז געלעגן אַ שטרייַנגער שטעמפּל פון טיפן צאַר, פלעג איך ווערן אָפּהענטיק און פלעג זיך איינשליסן אין זיך. איך בין געשטאַנען פאַר אים א פאַרלאָרענער, געפּליקט די הייזלעך און זיך אַרומגעקוקט אף אַלע זייטן.

*) жаворонок

צייטנווייס פלעג זיך עפּעס אופהייבן בא מיר אין ברוסט, ס'האָט זיך מיר געוואָלט, אַז דער טאַטע זאָל מיך אַרומנעמען, זאָל מיך אַוועקזעצן צו זיך אף די קני און זאָל מיך א גלעט טון. כ'וואָלט דעמאָלט צוגעפאַלן צו זיין ברוסט, און עפּשער וואָלטן מיר ביידע זיך צעוויינט — דאָס קינד און דער שטרייטנגער פאָטער — אף אונ־זער ביידנס אומגליק. נאָר ער האָט אף מיר געקוקט מיט זיינע פאַרנעפּלטע אויגן, ווי זיי וואָלטן זיין ערגעץ אָנגעצילעוועט איבער מיין קאָפּ, און איך פלעג זיך אינגאַנצן איינקאָרטשען אונטער דעמ־דאָזיקן פאַר מיר אומפאַרשטענדלעכן קוק.

— דו געדיינקסט די מאַמע?..— פלעג דער טאַטע פרעגן.

צי איך האָב זי געדיינקט? אָ, יאָ! איך האָב זי געדיינקט! כ'האָב געדיינקט, ווי אַמאָל פלעג זיך מאַכן, אז איך פלעג זיך אופכאַפּן באַנאַכט, פלעג איך אין דער פינצטער זוכן אירע צאַרטע הענט, פלעג זיך צוטוליען צו זיי און פלעג זיי באַדעקן מיט קושן. איך געדיינק, ווי זי פלעג זיצן א קראַנקע באַם אָפענעם פענצטער און האָט טרויעריק באַטראַכט דעם וואונדערלעכן פרילינגדיקן בילד, געזעגענענדיק זיך מיט אים אין לעצטן יאָר פון איר לעבן. אָ, יאָ! כ'האָב זי געדיינקט! ווי זי איז געלעגן אינגאַנצן צוגעדעקט מיט בלומען, א יונגע און אַ שיינע, מיטן שטעמפּל פון טויט אף איר בלייכן פּאָנים, און איך, ווי א כאַיעלע, האָב זיך פאַרשלאָגן אין א ווינקל און האָב געקוקט אף איר מיט ברענענדיקע אויגן, פאַר וועלכע ס'האָט זיך צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט די גאַנצע שרעק פונם פאַרבאָרגענעם רעטעניש — לעבן און טויט. און דערנאָך, אַז מע האָט זי אַוועקגעטראָגן, אַן אוילעם אומבאַקאַנטע מענטשן, איז דען ניט מיין געוויין האָט זיך געשטיקט אין דער פינצטערער ערשטער נאַכט פון מיין פאַריאָסעמטקייט?

נאָר אף דעם טאַטנס פראַגע האָב איך געשוויגן, כ'האָב זיך נאָר געסטאַרעט וואָס גיכער אַרויסרייסן מיינע הענטלעך פון זיינע הענט.

פון אַלע זייטן האָט מען אים אָנגעדערציילט, אַז איך בין א שלעכטער, פאַרדאָרבענער אינגל, און ער האָט זיך אַלץ מערער

דערוווייטערט פון מיר און האָט זיך געמאַטערט מיטן געדאַנק, אַז ער דאַרף מיך ליב האָבן און ער קען ניט. און איך האָב דאָס געפילט. צייטנווייס פלעג איך זיך באַהאַלטן אין די קושטשיעס און פלעג אף אים אַכטונג געבן; איך האָב געזעען, ווי ער שפּאַנט איבער די אַלייעס, זיין גאַנג ווערט אַלץ גיכער און גיכער און ער קרעכצט פון טיפער פּיין. און בא מיר פלעג פארקלעמען דאָס האַרץ פון ראַכמאָנעס און מיטגעפיל. איינמאָל, אַז ער האָט מיט די הענט צונויפגעדריקט דעם קאָפּ, האָט זיך צוגעזעצט אף א באַנק און האָט זיך צעוויינט, האָב איך זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטן און בין אַרויסגעלאָפן פון די קושטשעס אפן שטעגל מיט א פלאַמיקן באַגער זיך ווארפן דעם טאַטן אַפן האַלז. נאָר, דערהערנדיק מיינע טריט, האָט ער אופגעהויבן דעם קאָפּ, האָט אף מיר שטריינג א קוק געטון און האָט מיך אָפּגעשטעלט מיט א קאַלטער פראַגע:

— וואָס דאַרפסטו?

איך האָב זיך אָפּדערגיך אויסגעקערעוועט, ווייל מיר איז אַליין געוואָרן א כאַרפּע פאר מיין אייגענעם באַגער, און איך האָב מוירע געהאַט, אז דער פאָטער וועט אים איבערלייענען אף מיין פאַרשעמטן פּאָנים. איך בין אַנטלאָפן אין דער געדיכטעניש פון גאָרטן, זיך א וואַרף געטון מיטן פּאָנים צום גראָז און כ׳האָב זיך ביטער צעוויינט פון פאַרזדראָס און פון ווייטיק.

צו אַכט יאָר האָב איך שוין אויסגעפּרואווט די גאַנצע שרעק פון איינזאַמקייט. דאָס שוועסטערל סאָניע איז אַלט געווען פיר יאָר. איך האָב זי פייערדיק ליב געהאַט און זי האָט מיר געצאָלט מיט דעמזעלבן, נאָר אַלעמענס איינגעשטעלטער קוק אף מיר, ווי אַף א פאַרפאַלענעם אויסוואורף, האָט שוין באַוויזן אופצושטעלן א הויכע וואַנט צווישן מיר און איר. אַלעמאָל, ווען איך האָב זיך אָנגעהויבן שפּילן מיט איר אף מיין שטייגער, טומלדיק און שטיפעריש, פלעג די אַלטע אַם, וואָס איז שטענדיק געווען פאַרשלאָפן און שטענדיק פלעג זי מיט פאַרמאַכטע אויגן פליקן פעדערן אַף קישנס, פלעג זי זיך באַלד אופכאַפּן, פלעג גיך א כאַפּ טון מיין

סאָניען און פלעג זי אַוועקטראָגן צו זיך, וואַרפנדיק בייזע קוקן אין מיין זייט. אין אַזוינע פאַלן פלעג זי מיר שטענדיק דערמאנען א צעפודעטע קוואָטשקע, זיך אַליין האָב איך פאַרגליכן מיט א רויבערישן קארשאק און סאָניען — מיט א קליין הינדעלע. מיר פלעג ווערן זייער ביטער און פאַרדראָסיק. איז קיין כידעש ניט, וואָס אינגיכן האָב איך אַפילע אופגעהערט זיך פרואוון פאַרנעמען סאָניען מיט מיינע טומלדיקע שפּילן. און אין א שטיקל צייט אַרום האָט מיר פאַרפעלט אָטעם, ס'איז מיר געוואָרן איינג בא אונז אין דער היים און אין גאָרטן, וואו איך האָב פון קיינעם ניט באַגעגנט קיין וואַרעם וואָרט און קיין ליבע. איך האָב אָנגעהויבן זיך אַרומוואַלאַנדען, זיך צוגעוואוינט צו פאָרוואורפן, און כ'האָב זיי איבערגעטראָגן פונקט אַזוי גלייכגילטיק, ווי א פלוצלינגדיקן שלאַקסרעגן אָדער די ברענענדיקע היץ פון דער זון.

אַז אַלע ווינקלען פון שטאָט זיינען מיר באַקענט געוואָרן ביז די לעצטע בלאָטיקע געסלעך, האָב איך אָנגעהויבן כאַפּן א קוק אַף דעם באַרג מיט דער קאַפּליצע, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פונווייטן.

פריער בין איך, ווי א שרעקעוודיק כאַיעלע, צוגעגאַן צום באַרג פון אַלע זייטן, און איך האָב אַלץ באַ זיך ניט געפויעלט זיך אופהייבן אַף דעם באַרג, וואָס האָט געהאַט אַזאַ שלעכטן שעם. נאָר וואָס מערער איך האָב זיך באַקענט מיטן אָרט, האָב איך אַלץ געזעען פאר זיך נאָר קוואָרים און איינגעפאַלענע צלאָמים. דאָרט איז קיין סימען ניט געווען פון קיין וואוינונג אָדער פון א מענטשן; אַלץ איז געווען אַזוי געלאַסן, שטיל, פאַרוואָרפן און ליידיק.

נאָר די קאַפּליצע אַליין האָט געקוקט א באַרויגעזע מיט ליידיקע פענצטער, ווי זי וואָלט געטראַכט עפּעס א טרויעריקע מאַכשאָווע. מיר האָט זיך פאַרוואָלט זי באַטראַכטן, אַ קוק טון אינעווייניק, קעדיי איינגאַנצן זיך איבערצייגן, אַז דאָרט איז אויסער שטויב גאָרניט ניטאָ. נאָר אַזוי ווי אַליין איז עפּעס א מוירע און ס'איז ניט באַקוועם זיך לאָזן אַף אַזאַ אופטו, האָב איך אופגעקליבן אין די

גאַסן פון שטעטל א קליינעם כאַיל פון צוויי ווייסע כעווערניקעס און כ׳האָב זיי צוגעזאָגט דערפאַר בולקעס און עפל פון אונזער גאָרטן.

מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזן באַלד נאָך מיטאָג און, צוגייענדיק צום באַרג, האָבן מיר זיך אָנגעהויבן אופהייבן איבער די ליימיקע אָפריסן, צעגראָבענע פון לאָפּעטעס און פון פרילינגדיקע שטראָמען. די אָפריסן האָבן אַנטפּלעקט די זייטן פונם באַרג, און ערטערווייס האָבן אַרויסגעשטעקט פון ליים ווייסע צעשטויבטע ביינער.

העלפֿנדיק איינער דעם צווייטן, האָבן מיר סאָפּקאָלסאָף אַרופֿגעקלעטערט פון לעצטן אָפּריס אַפן באַרג. די זון האָט אָנגעהויבן אַראָפּנידערן צום פאַרגיין. אירע קאָסע שטראַלן האָבן ווייך באַגילדעט די גרינע גראָז פונם אַלטן צווינטער. האָבן געשפּילט אַף די אויסגעקרימטע אַלטע צלאָמים און זיך געשמאָלצן אין די גאַנץ געבליבענע פענצטער פון דער קאַפּליצע. ס׳איז געווען שטיל; ס׳האָט געווייט מיט רואיקייט און מיט טיפן פרידן פונם פאַרוואָרפענעם הייליקן אָרט.

מיר זיינען געווען איינע אליין; נאָר די שפּערלעך האָבן פריילעך זיך געטומלט ארום אונז, און די שוואַלבן זיינען אָן אַ גערויש ארייננעפלויגן און אַרויסגעפלויגן אין די פענצטער פון דער אַלטער קאפּליצע, וועלכע איז געשטאַנען עפּעס אזוי טרויעריק פאַרצאָרנט צווישן די פאַרוואקסענע קוואָרים, באַשיידענע צלאָמים און האַלב איינגעפאַלע שטיבלעך, אויסגעבעטע מיט גרינס. און אין דעם גרינס האָבן שימערירט קאָלירטע קעפּלעך פון וואלףקווייטן, ווילדקלעווער און פיאַלקעס *).

— ס׳איז קיינער ניטאָ,—האָט איינער פון מיינע כאַווערים געזאָגט.

— די זון פאַרגייט,—האָט באַמערקט דער צווייטער, קוקנדיק אף דער זון, וואָס איז נאָך ניט געווען פאַרגאַנגען און איז געשטאַנען איבערן באַרג.

---

*) Лютики, Кашка, Фиалка

די טיר פון דער קאַפּליצע איז געווען שטאַרק פאַרקלאַפּט, און די פענצטער זיינען געווען הויך איבער דער ערד. נאָר איך האָב יעהאָפּט, אַז מיט דער הילף פון מיינע כאַווײרים וועל איך צו זיי דערלאַנגען און וועל אַריינקוקן אינווייניק אין דער קאַפּליצע אַריין.

— מע דאַרף ניט, — האָט אַ געשריי געטון איינער פון זיי, וואָס האָט מיטאַמאָל פאַרלאָרן דעם מוט, און האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַרן האַנט.

— טראָג זיך אָפּ פונדאַנען, דו לעמעשקע! — האָט אַף אים אָנגעשריען דער עלטערער פון אונזער אַרמיי, און מיט אָנגעגרייטקייט מיר אונטערגעשטעלט זיין פלייצע.

איך בין העלדיש אַרופגעקראָכן אַף איר, דערנאָך האָב איך זיך אויסגעגלייכט און איך האָב זיך אָנגעשטעלט אַף זיינע אַקסלען. אין אַזאַ לאגע איז מיר ניט שווער געווען דערלאַנגען מיט דער האַנט צו דער ראַם, און אַז איך האָב זיך איבערצייגט, אַז זי וועט אויסהאַלטן, האָב איך זיך אופגעהויבן צום פענצטער און איך האָב זיך אַף אים אָנגעזעצט.

— נו, איז וואָס זשע איז דאָרטן? — האָט מען מיך פונונטן געפרעגט מיט גוואַלדיקן אינטערעס.

איך האָב געשוויגן. כ'האָב זיך איבערגעבויגן איבערן ביישטידל און איך האָב א קוק געטון אינווייניק אין דער קאַפּליצע אַריין. ס'האָט אַף מיר פונדאָרט אַן אָטעם געטון מיט דערהויבענער שטילקייט פון א פאַרוואָרפענעם טעמפּל. אייננווייניק אין דער'דאָזיקער הויכער, שמאָלער געביידע איז קיין שום באַפּוצעכצן ניט געווען. די שטראַלן פון דער פאַרנאַכטיקער זון האָבן זיך פריי אַריינגעגאָסן אין די אָפענע פענצטער און האָבן באַמאָלט מיט ליכטיקן גאָלד די אלטע אָפּגעריסענע ווענט. איך האָב דערזעען די אינווייניקסטע זייט פון דער פאַרשלאָסענער טיר, דעם איינגעפאַלענעם באַלעמער, די אַלטע, צעפוילטע זיילן, וואָס האָבן זיך אַזוי ווי אָנגעבויגן אונטער א שווערער מאַסע. די ווינקלען זיינען געווען

פאַרוועבט מיט שפינוועבס און ס'איז דאָרטן געווען פינצטער, ווי געווײַנלעך אין די ווינקלען פון אַלטע געבײַדעס. פונם פענצטער ביזן דיל האָט זיך אויסגעוויזן א סאַך ווײַטער, ווי ביז דער גראָז פון דרויסן. איך האָב געקוקט פונקט ווי אין אַ גרוב אַרײַן און האָב פאַר קיין פאַל ניט געקענט זעען, וואָס פאַר א מאָדנע זאַכן וואַלגערן זיך דאָרט אַפן דיל.

דערווײַל איז מײַנע כאַווײרים נימעס געוואָרן שטײַן פונזנטן און וואַרטן אף מײַנע יעדיעס, האָט אײנער פון זיי דורכגעמאַכט דאָסזעלבע, וואָס איך האָב פריער געטון, און האָט זיך אָנגעהאַנגען לעבן מיר, צוהאַלטנדיק זיך פאַר דער ראַם.

— דער אַלטאַר,—האָט ער געזאָגט, אײנקוקנדיק זיך אין עפּעס א זאַך אַפן דיל.

— און די מענוירע.

— דאָס טישל פאַר דעם יעוואַנגעלי.

— און אָן דאָרטן, וואָס איז דאָס?—האָט ער מיט נײַגעריקײט אָנגעוויזן אַף עפּעס אַ טונקעלער זאַך, וואָס האָט זיך אויסגעזען לעבן דעם אַלטאַר.

— אַ גאַלאָכישע היטל.

— נײן, אַן עמער.

— וואָס דאַרף מע דאָ אַן עמער?

— עפשער האָט מען אין אים אַמאָל געהאַלטן קוילן פאַרן ווײַרויך.

— נײן, דאָס איז טאַקע אַ היטל, און ווײַטער... מע קען דאָך אַ קוק טון. ווייז, לאָמיר צובינדן דעם פּאַס צו דער ראַם, און דו וועסט זיך אף אים אַראָפּלאָזן.

— וואָדען! אָט באַלד לאָז איך זיך. קריך אַלײן, אַז דו ווילסט.

— נו, איז וואָס! מײנסט איך וועל ניט קריכן?

— טאָ קריך זיך.

און באַלד, ניט געטראַכט, האָב איך שטאַרק צונויפגעבונדן צווײ רימענס, פאַרוואָרפן איבער דער ראַם, אײן עק האָב איך

אָפּגעגעבן דעם כאַוּוער, און אַפן צווייטן האָב איך זיך אַראָפּ־געלאָזן.

אַז מיין פוס האָט זיך אָנגערירט אין דיל, האָב איך אַ ציטער געטון. נאָר מיין כאוּוערס פּאָנים, וואָס האט זיך אָנגעבויגן צו מיר און האָט מיטפילנדיק געקוקט אף מיר, האָט מיר אומגעקערט מיין מוט און איך האָב העלדיש זיך אוועקגעשטעלט אַפן דיל. דער קלאַפּ פון מיינע אָפּצאַסן האָט א קלונג געטון אונטער דער סטעליע און האָט אָפּגעהילכט אין דער ליידיקער קאפּליצע אין אַלע טונקעלע ווינקלען. עטלעכע שפּערלעך האָבן א פלי געטון פון זייערע אויסגעזעסענע ערטער אפן באַלעמער און זיינען אַרויס־געפלויגן אין דער גרויסער לאָך, וואָס אין דאַך.

ס'איז מיר געוואָרן שרעקלעך, און מיין כאַוּוערס אויגן האָבן געגלאַנצט מיט מיטגעפיל און מיט נייגיר, וואָס פאַרכאַפּט דעם אָטעם.

— דו וועסט צוגיין? האָט ער שטילערהייט געפרעגט.

— איך וועל צוגיין, — האָב איך אויך געענטפערט שטיל און איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט. נאָר אין דער מינוט האָט זיך געטראָפן עפּעס אַזוינס אַזוי אומגעריכט און אַזוי שרעקלעך, אַז דאָס בלוט אין מיינע אָדערן איז מיטאַמאָל פאַרגליווערט געוואָרן.

פריער האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּעריי און א גערויש פון אָפּגעפאלענער שטוקאַטורקע אַפן באַלעמער; עפּעס האָט זיך אָנ־געהויבן רודערן פונויבן, אַ שליידער געטון אינדערלופטן מיט א גאַנצער כמארע שטויב, און א גרויסע גרויע מאַסע האָט א פאָך געטון מיט פליגל און זיך אופגעהויבן אַרוף צו דער לאָך, וואָס אין דאַך. אין קאפּליצע איז אף אַ מינוט אַזוי ווי פינצטער גע־וואָרן. אַ גרויסע אַלטע סאָווע, אופגערודערט פון אונזער טומל, איז אַרויסגעפלויגן פון א פינצטערן ווינקל, האָט א שווינדל געטון אַפן פאָן פונם בלויען הימל אין דער לאָך, וואָס אין דאַך, און האָט זיך אַ וואָרף געטון אין דרויסן אַרויס. איך האָב דערפילט, אַז איך הייב אָן ציטערן פון שרעק.

— הייב אוף! — האָב איך אַ געשריי געטון צו מיין כאַווע"ר, אָנכאַפּנדיק זיך פאַרן רימען.

— האָב קיין מוירע ניט, האָב קיין מוירע ניט! — האָט ער מיך באַרואיקט און האָט זיך צוגעגרייט מיך אופהייבן אַף דער ליכטיקער שיין פון טאָג און פון זון.

נאָר פּלוצלינג האָב איך דערזעען, אַז זיין פּאָנים האָט זיך אויסגעקרימט פון שרעק; ער האָט אַ געשריי געטון און איז די רעגע ניט געבליבן, אַראָפּגעשפרונגען פון פענצטער.

איך האָב אינסטינקטיוו זיך אומגעקוקט און האָב דערזעען אַזאַ מאָדנע דערשיינונג, אַז איך בין געפּלעפט געוואָרן מער פון פאַר־וואונדערונג, ווי פון שרעק.

די טונקעלע זאַך, פאַר וועלכער מיר האָבן זיך געקריגט, צי ס'איז א היטל, צי אן עמער, און וואָס האָט לעצטנס זיך אַרויס־געוויזן פאַר אַ טאָפּ, האָט אַ שווינדל געטון אין דער לופטן, און פאַר מיינע אויגן איז דאָס פאַרשוואונדן געוואָרן אונטערן אַלטאַר. ס'האָט זיך מיר נאָר איינגעגעבן כאַפּן מיטן אויג א טונקעלן קאָנטור פון אַ קליין הענטל, אַזוי ווי א קינדערשע, וואָס האָט דאָס פאַרשלעפּט אין באַהעלטעניש אַריין.

מיר איז שווער איבערגעבן, וואָס איך האָב אין דער מינוט געפילט, ווייל דעם געפיל, וואָס איך האָב געהאַט, קען מען ניט אָנרופן אַפילע מיטן נאָמען שרעק. אין אַ מעשעך פון עטלעכע סעקונדעס האָט פון ערגעץ, אַזוי ווי פון אן אַנדער וועלט, דערלאַנגט צו מיר אַ גיך־גיכע אומרואיקע טופּעריי פון צוויי פּאָר קינדערשע פיסלעך, און גיכן איז דאָס אויך שטיל געוואָרן. איך בין געווען איינער אַליין, ווי אין אַ פינצטערן קייווער, אין שכיינעס מיט אַזוינע מאָדנע ניטפאַרשטענדלעכע דערשיינונגען.

קיין צייט האָט פאַר מיר דענסטמאָל ניט עקזיסטירט, דערפאַר קען איך ניט זאָגן, צי ס'האָט לאַנג געדויערט ביז איך האָב דער־הערט אונטערן אלטאַר אן איינגעהאַלטענע שושקעריי.

— פאַרוואָס־זשע קריכט ער ניט אַף צוריק?

— זעסט דאָך, ער האָט זיך דערשראָקן.

די ערשטע שטים האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זי איז גאָר א קינדערשע, און די צווייטע האָט געקענט געהערן צו אַ אינגל אין מיין עלטער. מיר האָט זיך אַפילע אויסגעדאַכט, אַז אין די שפּאַלטן פונם אַלטן אַלטאַר האָט אַ גלאנץ געטון אַ פּאָר שוואַרצע אויגן.

— וואָס־זשע וועט ער איצטער טון? — האָט זיך ווידער דער־הערט אַ שושקעריי.

— אָט באַלד, וואַרט צו,—האָט די עלטערע שטים געענטפערט.

אונטערן אַלטאַר האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן שטאַרק רודערן. ער האָט זיך אַפילע אַזוי ווי אַ שאָקל געטון, און אין דערזעלבער רעגע האָט זיך פונדאָרט אַרויסגעוויזן אַ פיגור.

דאָס איז געווען א אינגל פון א יאָר ניין, וואוקסיקער פון מיר, א מאָגערער און אַ דינער, אזוי ווי אַ טשערעט. ער איז געווען אָנ־געטון אין א שמוציק העמדל, און די הענט האָט ער געהאַלטן אין די קעשענעס פון שמאָלע און קורצע הייזלעך. די טונקעלע גע־קרייזלטע האָר זיינע זיינען געווען צעקאָשמעט איבער די שוואַרצע פאַרקלערטע אויגן.

כאָטש דאָס אינגל, וואָס האָט זיך אַף אַזאַ אומגעריכטן און מאָדנעם אופן באַוויזן אף דער סצענע, איז געגאַנגען צו מיר מיט דעם זאָרגלאָזן און קריגערישן אויסזען, מיט וועלכן באַ אונז אַפן מאַרק פלעגן שטענדיק צוגיין איינער צום צווייטן די אינגלעך, וואָס זיינען גרייט געווען זיך וואַרפן אין געשלעג, פונדעסטוועגן, איז אַז איך האָב אים דערזעען, בין איך באַ זיך געוואָרן אַסאַך שטאַרקער. איך בין נאָך שטאַרקער געוואָרן באַ זיך, ווען פון אונטער דעמזעלבן אַלטאַר, אָדער, ריכטיקער, פון א לוכט אין דיל פון דער קאַפּליצע, וואָס אונטער דעם אַלטאַר, האָט הינטער דעם אינגל זיך באַוויזן נאָך אַ פאַרמורזעט פּענימל אין בלאָנדע האָר און מי׳ט א פּאָר קינדערש־נייגיריקע בלויע אייגלעך, אָנגעשטעלטע אַף מיר.

איך האָב זיך אַביסל אָפּגערוקט פון וואַנט און, לויט די ריטע־רישע קלאָלים פון אונזער מאַרק, האָב איך אויך אריינגעלייגט די הענט אין די קעשענעס. דאָס איז געווען אַ סימען, אַז איך האָב קיין מוירע ניט פאר מיין קעגנער, און טיילוויס אַפילע אן אָנצור־הערעניש פון מיין פאַראַכטונג צו אים.

מיר זיינען געשטאַנען און האָבן איינער דעם אַנדערן באַ־טראַכט. אַז ער האָט מיך באקוקט פון קאָפּ ביז די פיס, האָט ער אַ פרעג געטון:

— דו, וואָס טוסטו דאָ?

— אַזוי,—האָב איך געענטפערט — און וואָס איז דיין אייסעק?

מיין קעגנער האָט אַ מאַך געטון מיטן אַקסל, ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן ארויסנעמען די האַנט פון קעשענע און אַ זעץ טון.

איך האָב אַפילע מיט אַן אויג ניט אַ פינטל געטון.

— אָט וועל איך דיר באווייזן! — האָט ער אַ סטראַשע געטון.

איך האָב אויסגעשטעלט די ברוסט פאָרויס.

— נו, שלאָג!... פרואוו נאָר!...

דער מאָמענט איז געווען אַ קריטישער, פון אים איז אָפּגע־האַנגען דער כאַראַקטער פון אונזערע ווייטערדיקע באַציאונגען. איך האָב געוואַרט... נאָר מיין קעגנער האָט מיך ווייטער באטראכט פונויבן ביז אַראָפּ און האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

— איך אליין, ברודער, בין... אויך... האָב איך געזאָגט, נאָר שוין אַביסל פריילעכער.

דערווייל האָט דאָס מיידעלע, זיך אָנשפאַרנדיק מיט די הענט־לעך אין דיל פון דער קאפליצע, זיך אויך געסטאַרעט ארויסקריכן פון דעם לוכט. זי איז געפאַלן, ווידעראַמאָל זיך אופגעהויבן און צום סאָף זיך געלאָזן גיין מיט ניט זיכערע טריט צום אינגל. אַז זי איז צוגעגאנגען האַרט צו אים, האָט זי זיך אָנגעכאַפּט פאר אים, זיך צוגעטוליעט און אויסגעשטעלט אף מיר אירע פארכידעשטע און טיילוויס דערשראָקענע אויגן.

דאָס האָט געלייזט די גאַנצע פראַגע. ס'איז געוואָרן קלאָר,

אַז איך אַזאַ לאַגע קען דאָס אינגל זיך ניט שלאָגן, און איך בין געוועזן צו גרויסמוטיק, איך זאָל אויסנוצן זיין אומבאַקוועמע לאַגע.

— וויאַזוי רופט מען דיך — האָט דאָס אינגעלע געפרעגט, גלעטנדיק מיט דער האַנט דאָס בלאָנדע קעפּל פונם מיידעלע.

— וואַסיע. און ווער ביסטו?

— איך בין וואַלעק... איך קען דיך. דו וואוינסט אין סאָד איבער דער סאַזשלקע, בא אייך איז גרויסע עפּל.

— יאָ, דאָס איז אַן עמעס, בא אונז איז גוטע עפּל, עפּשער ווילסטו?

איך האָב אַרויסגענומען די צוויי עפּל, וואָס איך האָב צוגע־גרייט אַף זיך צעצאָלן מיט מיין אַרמיי, וואָס איז אַזוי שענדלעך אַנטלאָפן, און איך האָב געגעבן איינעם וואַלעקן, און דעם צווייטן האָב איך דערלאַנגט דעם מיידעלע. נאָר זי האָט באַהאַלטן איר פּאָנים, צוטוליענדיק זיך צו וואַלעקן.

— זי האָט מוירע, — האָט ער געזאָגט, און האָט איר אַליין איבערגעגעבן דעם עפּל. — אַף וואָס ביסטו אריינגעקראָכן אַהערצו? איך בין דען אַמאָל געקראָכן צו אייך אין גאָרטן? — האָט ער דערנאָך געפרעגט.

— איז וואָס, קום! איך וועל זיין צופרידן, — האָב איך גענענט־פערט פריינטלעך.

דערדאָזיקער ענטפער האָט אריינגעבראַכט וואַלעקן אין פאַר־לעגנהייט. ער האָט זיך פאַרטראַכט.

— איך בין דיר ניט קיין כאַווער, — האָט ער טרויעריק געזאָגט.

— וואָסי, פאַרוואָס? — האָב איך געפרעגט, שטאַרק געקריינקט פונם טרויעריקן טאָן, מיט וועלכן די ווערטער זיינען געזאָגט געוואָרן.

— דיין טאַטע איז דער פאַן ריכטער.

— איז וואָס? האָב איך זיך אָפּגעהערציק פאַרכידעשט — דו וועסט זיך דאָך שפּילן מיט מיר, ניט מיט מיין טאַטן.

וואַלעק האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— טיבורצי וועט ניט לאָזן, — האָט ער געזאָגט, און אזוי ווי ער וואָלט באַ דעמדאָזיקן נאָמען זיך עפּעס דערמאָנט, האָט ער זיך מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטון. — הער נאָר, דו ביסט אַ וואוילער יאַט, נאָר פונדעסטוועגן איז בעסער, דו זאָלסט אַוועק פונדאַנען. אַז טיבורצי וועט דיך דאָ טרעפן, וועט זיין שלעכט.

איך האָב מאַסקים געווען, אַז פאַר מיר איז שוין טאַקע צייט איך זאָל אַוועקגיין. די לעצטע שטראַלן פון דער זון זיינען שוין פאַרשוואונדן געוואָרן דורך די פענצטער פון דער קאפּליצע, און ביזן שטאָט איז פונדאַנען ניט נאָענט.

— וויאַזוי־זשע זאָל איך ארויס פונדאַנען?

— איך וועל דיר באַווייזן דעם וועג, מיר וועלן גיין אינאיינעם.

— און זי? — האָב איך אַ וויַיז געטון מיטן פינגער אַף אונזער קליינער דאַמע.

— מאַרוסיע? זי וועט אויך גיין מיט אונז.

— וויאַזוי, דורכן פענצטער?

וואַלעק האָט זיך פאַרטראַכט.

— ניין, אָט וואָס, איך וועל דיר העלפן אַרופקריכן אפן פענצטער, און מיר אליין וועלן ארויס מיט אן אנדער גאַנג.

מיט דער הילף פון מיין נייעם כאַווער האָב איך זיך אופגעהויבן אפן פענצטער, כ׳האָב אָפּגעבונדן דעם רימען, אים פאַרוויקלט ארום דער ראַם און, האַלטנדיק זיך פאַרביידע עקן, בין איך געבליבן היינגען אינדערלופטן. דערנאָך האָב איך אַרויסגעלאָזן איין עק, אַראָפּגעשפּרונגען אַף דער ערד און ארויסגעריסן דעם רימען. וואַלעק און מאַרוסיע האָבן שוין געוואַרט אַף מיר הינטער דער וואַנט אינדרויסן.

די זון האָט ערשט ניט לאַנג זיך געזעצט הינטערן באַרג. די שטאָט איז דערטרונקען געוואָרן אין העלפיאָלעטע נעפּלדיקע שאָטנס, און נאָר די שפּיצן פון די הויכע טאָפּאָלן אפן אינזל, באַמאָלטע פון די לעצטע שטראַלן פון זונפאַרגאַנג, האָבן זיך אויסגעטיילט

מיט רויטן גאָלד. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פון זינט איך בין געקומען אַהער, אַפן אלטן צווינטער, איז שוין דורכגעגאן ניט ווינציקער פון אַ מעסלעס, אַז דאָס איז געווען נעכטן.

— ס'אַראַ גוטקייט, — האָב איך געזאָגט. ס'האָט מיך אַרומגעכאַפּט די פרישקייט פון דעם אָנקומענדיקן אָוונט, און איך האָב מיט דער גאַנצער ברוסט איינגעאָטעמט אין זיך די פייכטע קילקייט.

— דאָ איז אומעטיק, — האָט וואַלעק טרויעריק געזאָגט.

— איר וואוינט דאָ אַלע? — האָב איך געפרעגט, אַז מיר האָבן אַלע דריי אָנגעהויבן זיך אַראָפּלאָזן פון באַרג.

— יאָ, דאָ.

— וואו־זשע איז אייער הויז?

איך האָב זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז קינדער אַזוינע ווי איך זאָלן קענען לעבן אָן אַ הויז. וואַלעק מיט זיין געוויינלעך טרויעריקן פּאָנים האָט אַ שמייכל געטון און האָט גאָרניט געענטפערט.

מיר האָבן אויסגעמיטן די סטרימקע אָפריסן, ווייל וואַלעק האָט געוואוסט אַ בעסערן וועג. אַז מיר זיינען דורכגעגאַנגען דעם טשערעט אף דעם אויסגעטריקנטן זומפּ און אַריבערגעגאנגען אַ טייכל איבער דינע ברעטלעך, זיינען מיר אויסגעקומען צופוסנס פון באַרג, אפן גלייכן פעלד.

דאָ האָט מען זיך געדאַרפט צעשיידן. איך האָב געדריקט די האַנט פון מיין נייעם באקאנטן, דערנאָך האָב איך דערלאַנגט די האַנט דעם מיידעלע אויך. זי האָט מיר צארט געגעבן איר פּיצעלע הענטעלע און, קוקנדיק פונונטן ארוף מיט די בלויע אויגן, האָט זי געפרעגט:

— דו וועסט צו אונז קומען נאָכאַמאָל?

— איך וועל קומען, — האָב איך געענטפערט באַשטימט.

— מיילע — האָט וואַלעק געזאָגט פאַרקלערט, — קום, זאָל זיין, נאָר אין אַזאַ צייט, ווען אונזערע וועלן זיין אין שטאָט.

— ווער זיינען דאָס „אייערע"?

— נו אונזערע... אַלע... טיבורצי... דער פּראָפעסאָר...

— גוט, איך וועל זעען, אַז זיי וועלן זיין אין שטאָט, דעמאָלט וועל איך קומען. און דערווייל, זייט געזונט.

— עי, הער נאָר! — האָט מיך אַ רוף געטון וואַלעק, אַז איך בין שוין אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט — דו וועסט קיינעם ניט פלוידערן פון דעם, וואָס דו ביסט געווען בא אונז?

— כ׳וועל קיינעם ניט זאָגן, — האָב איך פעסט געענטפערט.

— נו, דאָס איז גוט! און דיינע טיפּשים די אינגלעך זאָלסטו זאָגן, אַז דו האָסט געזען דעם רועך, אַז זיי וועלן אָנהייבן צושטיין צו דיר.

— רעכט, איך וועל זאָגן.

— נו, זיי געזונט.

— זיי געזונט.

געדיכטער ביינאַשמאָשעס איז געלעגן איבער קניאַזשע־ווענא, ווען איך בין צוגעגאַן צום פּאַרקאַן פון אונזער גאָרטן. איבערן שלאָס האָט זיך אויסגעקריצט דער דינער סערפּ פון דער לעוואָנע, ס׳האָבן זיך אָנגעצונדן די שטערן. כ׳האָב שוין געוואָלט ארופקריכן אַפן פלויט, האָט עמעצער מיך אָנגעכאַפּט פאַרן האַנט.

— וואַסיע, טייערער, — האָט אָנגעהויבן רעדן מיט אַן אופגע־רעגטן שטילן קאָל מיין כאַווער, וואָס איז אַנטלאָפן. — ווי אַזוי־זשע ביסטו?... טייערינקער...

— אָט, ווי דו זעסט! און איר האָט מיך אַלע פרעסירעט!..

ער האָט זיך פאַרשעמט, נאָר די נייגיריקייט האָט גוויוער געווען בא אים דעם געפיל פון כאַרפּע און ער האָט ווידער געפרעגט:

— וואָס־זשע איז דאָרט געווען?

— וואָס? האָב איך געענטפערט מיט אַ טאָן, וואָס דערלאָזט ניט קיין ספּייקעס, — פארשטייט זיך רוכעס, און איר זיינט פּאַכדאָ־נים... און, פאָטער־ווערנדיק פון מיין קאָנפוזעטן כאַווער, בין איך אַרופגעקראָכן אַפן פּאַרקאַן.

אין אַ פערטל שאָ אַרום בין איך געשמאַק געשלאָפן.

פון דעמאָלט אָן בין איך אינגאַנצן פארכאפט געווען מיט מיין נייער באקאנטשאַפט.

אינאָוונט, לייגנדיק זיך אין בעט, און אינדערפרי, אופשטייענדיק, פלעג איך נאָר טראַכטן וועגן דעם קומענדיקן וויזיט אַפן באַרג.

איבער די גאַסן פון שטאָט האָב איך זיך אַרומגעשלעפט נאָר מיט איין ציל—אויסקוקן צי דאָ איז פאַן־טיבורצי מיט זיין כעוורע, אָט די מאָדנע פּאַרשוינען, וואָס דער אַלטער יאַנוש, דער פארוואלטער פון שלאָס, האָט זיי גערופן „די שלעכטע געזעלשאַפט", און וואָס פלעגן זיך ווייזן אינדערפרי אין שטאָט און אַפדערנאַכט פלעגן זיי פאַרשוואונדן וועין ערגעץ.

איצט האָב איך שוין געוואוסט וועמען וואַלעק האָט געמיינט מיט דעם וואָרט „אונזערע" און, באמערקנדיק, אַז אָט־די פּאַרשויינען נישטערן אַרום איבערן מאַרק, פלעג איך באַלד זיך לאָזן לויפן איבערן זומפּ אַפן באַרג, צו דער קאַפּליצע, אָנפּאַקעווענדיק פריער די קעשענעס מיט עפּל, וועלכע איך האָב גענומען רייסן אין סאָד באַ אונז וויפל איך האָב געוואָלט, און מיט נאַשערייען, וואָס איך פלעג שטענדיק באהאלטן פאר מיינע נייע גוטע פריינט.

וואַלעק, וואָס איז ביכלאַל געווען זייער אַ סאָלידער, מיט מאַנערן פון אַ דערוואקסענעם, פלעג אָנעמען די מאַטאָנעס זייער פּראָסט, און, מערסטנטייל, פלעג ער זיי ערגעץ אָפּלייגן, באהאלטן פאר דעם שוועסטערל.

נאָר די קליינינקע מאַרוסיע פלעג אַלעמאָל אָנהייבן פּלעסקען מיט די הענטלעך און אירע אויגן פלעגן זיך אָנצינדן מיט דער אופריכטיקסטער סימכע. דאָס בלאַס פּענימל פון דעם מיידעלע פלעג זיך אָנצינדן רויט, זי האָט געלאַכט, און אָט דער געלעכטער פון אונזער קליינער כאַווערטע פלעג אָפּהילכן באַ אונז אין האַרצן און דאָס איז געווען דער בעסטער דאַנק פאַר די קאָנפעקטן, וואָס מיר האָבן פאר אירעטוועגן מאַקרעוו געווען.

דאָס איז געווען אַ קליינינק בלייך באַשעפעניש, וואָס האָט דערמאנט אין אַ קווייט, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אָן די דער־קוויקנדיקע שטראַלן פון דער זון. כאָטש זי איז שוין אַלט געווען פיר יאָר, האָט זי נאָך ניט געקענט גוט גיין, איז ניט זיכער גע־טראָטן מיט אירע קליינע פיסעלעך און האָט זיך געשאָקלט, ווי אַ גרעזעלע.

אירע הענט זיינען געווען אַזוי דין און דורכזיכטיק און דאָס קעפעלע האָט זיך געהוידעט אַף איר דינעם האַלז, ווי דאָס קעפעלע פון אַ פעלד־גלעקל, נאָר אירע אויגן האָבן צייטנווייס געקוקט אַזוי ניט־קינדערש־טרויעריק און איר שמייכל האָט מיר אַזוי דערמאנט מיין מוטער אין די לעצטע טעג פון איר לעבן, ווען זי פלעג אַמאָל זיצן פארן אָפענעם פענצטער און דער ווינט האָט געריירט אירע בלאָנדע האָר — אַזוי, אַז קוקנדיק אַף אָט דעם קינדערש פּענימל, פלעג מיר אויך ווערן טרויעריק און טרערן פלעגן זיך מיר שטעלן אין די אויגן.

איך האָב ניט־ווילנדיק זי פאַרגליכן מיט מיין שוועסטערל. זיי זיינען געווען אין איינע יאָרן, נאָר מיין סאָניע איז געווען קיילע־כיק, ווי אַ פּאַמפּושקע, און עלאַסטיש, ווי אַ מיאַטש. זי איז אַזוי שטיפעריש אומגעלאָפן, ווען זי פלעג זיך אמאָל צעשפּילן, אַזוי הילכיק געלאַכט, איז געגאַנגען אַזוי שיין אָנגעטון און אין אירע טונקעלע צעפּ פלעג איר די שטוב־מיידל אַלע טאָג איינפלעכטן נייע העל־רויטע סטיינגעס.

און מיין קליינע כאַווערטע איז קימאַט קיינמאָל ניט אומגע־לאָפן, און געלאַכט האָט זי זייער זעלטן. און אַז זי פלעג שוין יאָ לאַכן, האָט איר געלעכטער געקלונגען, ווי דער סאַמע קלענסטער זילבערנער גלעקעלע, אַז אַף צען טריט פון איר האָב איך שוין ניט געהערט.

איר אָנטון איז געווען שמוציק און אַלט, אין איר צאָפּ איז קיין סטיינגע ניט געווען, נאָר אירע האָר זיינען געווען אסאך לייגער און רייכער פון סאָניעס, און וואַלעק האָט, צו מיין גרויסן

וואונדער, זייער קונציק זיי געקענט פארפלעכטן, אלע פרימאָרגן פלעג ער עס טון.

איך בין געווען אַ גרויסער קונדעס. די עלטערע פלעגן זאָגן אַף מיר: „באַ דעם יאַטל זיינען די הענט און די פיס אָנגעגאָסן מיט קוועקזילבער", און איך האָב טאַקע געגלויבט, אַז ס'איז אַן עמעס, כאָטש כ'האָב זיך קלאָר ניט פאָרגעשטעלט, ווער און ווי אַזוי האָט מיר געמאַכט דידאָזיקע אָפּעראַציע. שוין אין די ערשטע טעג האָב איך אריינגעטראָגן אַן אופלעבונג אין דער געזעלשאַפט פון מיינע נייע באַקענטע. ס'איז אַ סאָפעק, צי דער ווידערקאָל פון דער אַלטער קאַפּליצע האָט ווען ס'ניט איז אַמאָל איבערגעכאַזערט אַזוינע הויכע געשרייען, ווי אין דער צייט, ווען איך האָב זיך געסטאַרעט צענעמען און אריינציען אין שפּיל וואַלעקן מיט מאַ־רוסיען. און פונדעסטוועגן פלעג זיך דאָס מיר שווער איינגעבן. וואַלעק פלעג קוקן ערנסט אַף מיר מיטן מיידעלע, און איינמאָל, אז איך האָב איר געהייסן לויפן מיט מיר ווער גיכער, האָט ער געזאָגט:

— ניין, זי וועט זיך באַלד צעוויינען.

און טאַקע, אַז איך האָב זי שוין צעטרייסלט און געצוואונגען זי לויפן, האָט זי, דערהערנדיק מיינע טריט הינטער זיך, זיך פלוצלינג אויסגעקערעוועט צו מיר, אופגעהויבן די הענטלעך אי־בערן קאָפּ, ווי אף צו באשיצן זיך, אַ קוק געטון אף מיר מיט אַ הילפלאָזן קוק פון אַ געפּאַנגענעם פייגעלע און האָט זיך צעוויינט אף אַ קאָל.

איך האָב זיך אינגאנצן פאַרלאָרן.

— זעסט,—האָט וואַלעק געזאָגט,—זי האָט זיך ניט ליב שפּילן.

ער האָט זי אַוועקגעזעצט אַפן גראָז, אָפּגעריסן בלומען און האָט איר אַ וואָרף געטון. מאַרוסיע האָט אופגעהערט וויינען און האָט זיך גענומען איבערקלייבן די בלומען. עפּעס האָט זי גערעדט צו די גאָלדענע בלומען-בלעטלעך און האָט צוגעטראָגן צו די ליפּן די בלויע גלעקעלעך...

איך בין אויך אנשטילט געוואָרן און איך האָב זיך אַנידער־געלייגט גלייך מיט וואַלעקן לעבן דעם מיידעלע.

— פאַרוואָס איז זי אַזאַ? — האָב איך געפרעגט, ווייזנדיק מיט די אויגן אף מאַרוסיען.

— ניט קיין פריילעכע? — האָט וואַלעק איבערגעפרעגט, און דערנאָך האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ גאַנץ איבערצייגטן מענטשן:

— דאָס איז, ווי דו זעסט, פונם גרויען שטיין...

— יאָ־אָ, — האָט דאָס מיידעלע איבערגעכאַזערט, ווי אַ שוואַכער ווידערקאָל, — דאָס איז פונם גרויען שטיין.

— פון וואָסער גרויען שטיין? — האָב איך איבערגעפרעגט, ניט פאַרשטייענדיק.

— דער גרויער שטיין האָט אויסגעזויגן פון איר דאָס לעבן, — האָט מיר וואַלעק נאָכאַמאָל דערקלערט און האָט ווי פריער גע־קוקט אין הימל אַריין. — אַזוי זאָגט טיבורצי, טיבורצי ווייסט גוט...

— יאָ־אָ, — האָט ווידער ווי אַ שטילער ווידערקאָל איבערגע־כאַזערט דאָס מיידעלע, — טיבורצי ווייסט אַלץ.

איך האָב ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דידאַזיקע ו[illegible]טער; כ'האָב זיך אונטערגעהויבן אַפן עלנבויגן און אַ קוק געטון אַף מאַרוסיען. זי איז געזעסן אין דערזעלבער פּאָזע, אין וועלכער וואַלעק האָט זי אַוועקגעזעצט, און האָט נאָך אַלץ איבערגעקליבן די בלומען... קוקנדיק אין אָט דער קליינינקער טרויעריקער פיגור, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז אין טיבורצים ווערטער איז באַהאַלטן אַ ביטערער עמעס. ס'איז זיכער, אַז עפּעס זויגט דאָס לעבן פון אָט דעם קליינעם מיידעלע, וועלכע ווייַנט דעמאָלט, ווען אַנדערע אַף איר אָרט לאַכן. נאָר ווי אַזוי קאָן דאָס טון דער גרויער שטיין? „ניט אַנדערש, אַז דאָס קומט פאַר באַנאַכט”, — האָב איך געטראַכט, און אַ געפיל פון קלעמענדיקן ראַכמאָנעס ביז ווייַ־טיק האָט מיר צונויפגעדריקט דאָס האַרץ.

אונטערן איינדרוק פון דעמדאָזיקן געפיל האָב איך אַליין אויך אַביסל איינגענומען מיין פאַרשייטקייט. צופאַסנדיק זיך צו דער סאָלידקייט פון אונזער שטילער דאַמע, האָבן מיר ביידע מיט וואַ־לעקן זי אַוועקגעזעצט ערגעץ אַפן גראָז און האָבן געקליבן פאַר איר בלומען, קאָלירטע שטיינדלעך, געכאַפּט באַבעלעך, און אַמאָל האָבן מיר געמאַכט כאַפּשטייגלעך פאַר די שפּערלעך. אַן אַנדערש מאָל פלעגן מיר זיך אויסציען לעבן איר אַפן גראָז און פלעגן קוקן אין הימל אַריין, ווי ס׳שווימען די וואָלקנס הויך איבער דעם צעפליקטן דאַך פון דער אַלטער קאַפּליצע, און מיר האָבן דערציילט מאַיסעלעך מאַרוסיען, אָדער מיר האָבן געשמועסט צווישן זיך.

דידאָזיקע שמועסן האָבן וואָס אַ טאָג מערער פאַרפעסטיקט די פריינטשאַפט צווישן מיר און וואַלעקן און אונזער פריינטשאַפט איז געוואקסן, ניט קוקנדיק אַפן אונטערשייד אין אונזערע כאַראַק־טערן. איך בין שטענדיק געווען אַ היציקער, אַ גרויסער שטיפער, און איצט פלעג איך אומגערן זיך אונטערוואַרפן דעם טרויעריק סאָלידן טאָן פון וואַלעקן און, באַזונדערס, דער זעלבשטענדיקייט, מיט וועלכער ער פלעג זיך אָפרופן וועגן עלטערע. אויסער דעם פלעג איך זיך דערוויסן פון אים אַסאַך נייס, אַזוינס, וואָס איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן ניט געטראַכט וועגן דעם. הערנדיק, ווי ער רעדט וועגן טיבורצין, ווי וועגן אַ כאַווער, האָב איך אים געפרעגט:

— טיבורצי איז דיר אַ טאַטע?

— איך ווייס ניט, — האָט ער געענטפערט פאַרקלערט.

— ער האָט דיך ליב?

— יאָ, ער האָט מיך ליב, — האָט וואַלעק שוין אַסאַך זיכערער געזאָגט, — ער זאָרגט זיך שטענדיק פאר מיר און, דו ווייסט, אַמאָל קושט ער מיך און ער וויינט...

— און מיך אויך האָט ער ליב און וויינט אויך, — האָט צוגע־געבן מאַרוסיע מיט אַן אויסדרוק פון קינדערשער גאַדלעס.

— און מיך האָט מיין טאַטע ניט ליב, — האָב איך טרויעריק געזאָגט. — ער האָט מיך קיינמאָל ניט געקושט...

— ניט עמעס, ניט עמעס, — האָט וואַלעק דערווידערט. — דו פאַרשטייסט ניט. טיבורצי ווייסט בעסער. ער זאָגט, אַז דער ריכטער איז דער סאַמע בעסטער מענטש אין שטאָט, און אז די שטאָט וואָלט שוין לאַנג געדאַרפט איינגעזונקען ווערן, ווען ניט דיין טאַטע... אַזוי זאָגט טיבורצי... דערפאַר וואָס אַלעמאָל שטעלט ער זיך איין פאַר די אָרעמע... דיין טאַטע — זאָגט טיבורצי, וועט זיך קיין מוירע ניט האָבן פאַרמישפּעטן אפילע א רייכן, מעג דאָס זיין אַפילע דער גראַף אליין, און אַז ס׳איז צו אים געקומען די אַלטע איוואַניכע אף א קוליע, האט ער איר געהייסן ברענגען א ביינקל. אָט אַזוי עפּעס איז ער.

דאָס אלץ האָט מיך געצוואונגען, איך זאָל זיך שטאַרק פאַרטראַכטן. וואַלעק האָט מיר אָנגעוויזן אף מיין פאָטער פון אַזאַ זייט, פון וועלכער ס׳איז מיר קיינמאָל אף די געדאַנקען ניט געקומען איך זאָל אַקוק טון אף אים; וואַלעקס ווערטער האָבן אין מיר דערוועקט די גאַדלעס פון א זון. מיר האָט שטאַרק האַנאָע געטון הערן שוואָכים אף מיין טאַטן, וואָס מע דערציילט אין נאָמען פון טיבורצין, וועלכער „ווייסט אַלץ", נאָר צוזאַמען מיט דעם האָט אין מיין האַרצן א ציטער געטון א נאָטע פון קלעמענדיקער ליבע און טרויעריקן באַוואוסטזיין, אַז מיין אייגענער טאַטע וועט מיך קיינמאָל ניט ליב באַקומען, אַזוי ווי טיבורצי האָט ליב וואַלעקן מיט מאַרוסיען.

ס׳איז געגאַנגען צו האַרבסט, אין פעלד האָט מען געשניטן. די בלעטער אף די ביימער האָבן אָנגעהויבן געל ווערן. און אונזער מאַרוסיע האָט עפּעס אָנגעהויבן קרענקען.

זי האָט זיך אף גאָרניט געקלאָגט, נאָר זי איז געוואָרן אלץ דאַרער; איר פּאָנים איז אַלץ בלאַסער און בלאַסער געוואָרן, די אויגן טונקעלער, און ס׳איז איר געווען שווער אופהייבן די וויעס.

איצט האָב איך שוין געקענט קומען אפן באַרג און פאַר גאָר ניט מוירע האָבן. מיט טיבורצין האָב איך זיך שוין איינגעווינט און איך בין אפן באַרג שוין געווען אן אייגענער מענטש.

— דו ביסט א וואוילער יונג און וועסט נאָך אַמאָל עפשער אויך זיין א געלערנטער, ניט ערגער פון מיר! — האָט פאַן טיבורצי געזאָגט.

דער האַרבסט האָט זיך פאַרנומען אלץ מערער און מערער. אלץ אָפטער האָט דער הימל זיך פאַרצויגן מיט כמאַרעס. דער גאַנצער אַרום האָט זיך געטרונקען אין נעפלדיקער טונקלקייט. א מאָנאָטאָנעם הילך האָבן רוישיק זיך געגאָסן איבער דער ערד און מיט זיי אָפגעקלונגען אין דער קעלער־הייל. מיר האָט געקאָסט גרויס מי זיך אַרויסרייסן פון דער היים אין אַזאַ וועטער. אייגנטלעך, האָב איך זיך נאָר געסטאַרעט אַוועקגיין אומבאַמערקט, און אַז איך פלעג זיך אומקערן צוריק אַהיים אינגאַנצן א דורכגעווייקטער, פלעג איך אַליין אויסהייינגען מיין אָנטון פאַר דעם קאַמין און פלעג זיך שטילינקערהייט אַריינלייגן אין בעט אַריין, איך האָב פילאָסאָפיש אָפגעשוויגן אפן גאַנצן האָגל פאָרוואורפן, וואָס פלעג זיך גיסן אף מיר פונם מויל פון די אַמען און דינסטן.

אלעמאָל, קומענדיק צו מיינע פריינט, האָב איך באַמערקט, אַז מאַרוסיע גייט איין אַלץ מערער און מערער. איצט פלעג זי שוין גאָר ניט אַרויס אף דער לופט. דער גרויער שטיין, — דער טונקעלער, שוויינדיקער אומגעלומפער פון דער קעלער־הייל, — האָט פאָרגעזעצט אָן אן אופהער זיין שרעקלעכע אַרבעט, געזויגן דאָס לעבן פונם קליינעם גופל. דאָס מיידעלע האָט איצט די גרעסטע טייל צייט פאַרבראַכט אין בעט, איך מיט וואַלעקן האָבן זיך באַמיט מיט אַלע קויכעס זי פאַרשפילן און איר פריילעך מאַכן, קעדיי אַרויסרופן איר שטילן און שוואַכן געלעכטער.

איצט, אַז איך האָב זיך שוין אינגאַנצן איינגעלעבט מיט דער „שלעכטער געזעלשאַפט", איז מאַרוסיעס טרויעריקער שמייכל מיר

געוואָרן קימאַט אַזוי טייער, ווי דער שמייכל פון מיין שוועסטער. דאָ האָט מיר קיינער ניט אויסגעוואָרפן אַלעמאָל מיין פאַרדאָרבנ־קייט, דאָ איז ניט געווען קיין שטענדיק מורמלענדיקע אַם. דאָ האָט מען מיך געדאַרפט, איך האָב געפילט, אַז מיין קומען רופט אַלע־מאָל אַרויס אַ לעבעדיקע פאַרב אַף די בעקלעך פון דעם מיידעלע.

וואַלעק פלעג מיך אַרומנעמען, אַזוי ווי אַ ברודער, און אפילע טי־בורצי פלעג צייטנווייס קוקן אַף אונז דרייען מיט אַזוינע מאָדנע אויגן און ס׳האָט אין זיי געצאַנקט אַזוי ווי אַ טרער. אַף אַ שטיקל צייט האָט זיך דער הימל נאָכאַמאָל אויסגעלייטערט, ס׳זיינען פון אים אָפּגעפאַלן די כמאַרעס, און איבער דער אויסגעטריקנטער ערד האָבן דעם לעצטן מאָל פאַרן ווינטער זיך צעשיינט זוניקע טעג. מיר האָבן אַלע טאָג אַרויסגעטראָגן מאַרוסיען אַרויף, און דאָ האָט זי זיך אַרומגעקוקט ארום און אַרום מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, און אַף אירע באַקן האָט זיך אָנגעצונדן די פאַרב. ס׳האָט זיך אויס־דאַכט, אַז דער ווינט, וואָס האָט זי אָפּגעשווייגט מיט זיינע פרישע, קוויקנדיקע פליגל, האָט איר אומגעקערט אַ טייל פון איר לעבן, וואָס דער גרויער שטיין פון קעלער־הייל האָט באַ איר אַוועקגע־רויבט. נאָר דאָס האָט געדויערט ניט לאַנג.

דערווייל האָבן איבער מיין קאָפּ זיך אויך אָנגעהויבן קלייבן כמאַרעס.

איינמאָל אינדערפרי, ווען איך בין ווי געוויינלעך דורכגעגאַנ־גען איבער די אַלייעס פון אונזער סאָד, האָב איך אין איינער פון זיי דערזעען מיין טאַטן, און לעבן איב דעם אַלטן יאַנוש פון שלאָס.

דער אַלטער האָט קנעכטיש זיך געבוקט און האָט עפּעס גע־רעדט, און דער טאַטע איז געשטאַנען מיט אַ פינצטערן פּאָנים און זיין שטערן האָט זיך געקנייטשט פון אומגעדולדיקן קאַס. צולעצט האָט ער אויסגעצויגן די האַנט, ווי ער וואָלט אָפּגעשטופּט יאַנושן פון וועג און האָט געזאָגט:

— גייט איך, איר זיינט פּאָשעט אַן אַלטער רעכילעסניק!

איך האָב שטאַרק ניט ליב געהאַט דעם אַלטן פּילין פון שלאָס, און דאָס האַרץ האָט מיר עפּעס אָנגעהויבן ביטערן. איך האָב פאַר־שטאַנען, אַז דער אונטערגעהערטער שמועס איז נויגייע מיינע פריינט און עפּשער מיך אויך.

אז איך האָב דאָס דערציילט טיבורצין, האָט ער זיך שרעקלעך פאַרקרימט:

— אר־אוף!.. יאַטל!... ס׳אַראַ ניט קיין פריילעכע נייס!.. אַ, אַלטער פאַרשאָלטענער פוקס!..

— דער טאַטע האָט אים אַוועקגעטריבן, — האָב איך צוגעגעבן, ווי איך וואָלט אים געוואָלט טרייסטן.

— דיין טאַטע, יאַטל, איז דער בעסטער ריכטער פון שלומיע האַמעלעך אָן... ער האַלט ניט פאַר נייטיק צו פאַרפאָלגן מיך, די אַלטע כאַיע אָן ציין, אין מיין לעצטער נאָרע... נאָר, ווי אַזוי זאָל איך דיר דאס געבן צו פאַרשטיין, יאַטל?... דיין פאָטער דינט צו א האַר, וואָס זיין נאָמען איז געזעץ. ער האָט א האַרץ מיט אויגן נאָר ביז דער געזעץ שלאָפט זיך אף די פּאָליצעס; נאָר וויבאַלד דערדאָזיקער האר וועט אַראָפּקריכן און וועט זאָגן צו דיין טאַטן: „נו, ריכטער, טאָמער וואָלטן מיר זיך א נעם געטון פאַר טיבורצי דראַב, צי ווי אַזוי ער הייסט דאָרטן”? — וועט דער ריכטער באַלד אין דער רעגע פאַרשליסן זיין האַרץ אף א שלאָס, און דעמאָלט באַקומט ער אזוינע האַרבע לאַפּעס, אז גיכער וועט זיך די וועלט איבערקערן אף דער צווייטער זייט, איידער טיבורצי וועט זיך אויסדרייען פון זיינע הענט... פאַרשטייסטו מיך, יאַטל?..

מיט די ווערטער איז טיבורצי אופגעשטאַנען, גענומען אף די הענט מאַרוסיען און, אָפּגייענדיק מיט איר אין א ווייטן ווינקל, האָט ער זיך צוגעדריקט צו איר קליינינקער ברוסט און האָט זי אָנגע־הויבן קושן. און איך בין געבליבן שטיין אפן אָרט און בין נאָך לאַנג אזוי געשטאַנען אין איין פּאָזע אונטערן איינדרוק פון זיינע מאָדנע רייד.

די לויטערע טעג זיינען אַוועק, און מאַרוסיען איז ווידער געוואָרן ערגער. אף אַלע אונזערע האַמצאָעס, קעדיי זי פריילעך מאַכן, האָט זי געקוקט גלייכגילטיק מיט אירע גרויסע טונקל געוואָרענע און אומבאַוועגלעכע אויגן, און מיר האָבן שוין לאַנג ניט געהערט איר געלעכטער. איך האָב אָנגעהויבן טראָגן אין קעלערהייל מיינע שפּילעכלעך, זיי פלעגן אָבער פאַרנעמען דאָס מיידעלע זייער אף א קורצער צייט. דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן זיך ווענדן צו מיין שוועסטערל סאָניע.

סאָניע האָט געהאַט א גרויסע קוקלע מיט א שטאַרק אָנגעפאַרבטן פּאָנים און מיט רייכע פלאַקסענע האָר — דער פאַרשטאָרבענער מאַמעס א מאַטאָנע. אף דער קוקלע האָב איך געלייגט גרויסע האָפענונגען, און דערפאַר האָב איך אָפּגערופן מיין שוועסטערל אין א זייטיקער אַלייע און האָב זי געבעטן זי זאָל מיר געבן אף א קליינער צייט די קוקלע. פריער האָט זי ניט געוואָלט און האָט געהאַלטן אין איין טוליען די קוקלע צו זיך, נאָר איך האָב זי אַזוי שטאַרק געבעטן, אַזוי לעבעדיק באַשריבן פאַר איר דאָס אָרעם קראַנק מיידעלע, וואָס האָט אליין קיינמאָל ניט געהאַט קיין אייגענע שפּילעכלעך, אַז זי האָט זי מיר געגעבן און האָט מיר צוגעזאָגט זיך שפּילן א צוויי־דריי טעג מיט אַנדערע שפּילעכלעך.

דער איינדרוק פון דערדאָזיקער אויסגעפּוצטער פאָרצעלייענער פריילן אף אונזער קראַנקער האָט איבערגעשטיגן אַלע מיינע פאָרשטעלונגען.

מאַרוסיע, וואָס האָט געוועלקט אַזוי ווי א בלום אין האַרבסט, איז מיטאַמאָל אַזוי ווי צוריק לעבעדיק געוואָרן. זי האָט מיך אזוי שטאַרק אַרומגענומען, אַזוי הילכיק געלאַכט און גערעדט מיט איר נייער באַקאַנטער... די קליינע קוקלע האָט אופגעטון קימאַט א נעס! — מאַרוסיע, וואָס איז שוין לאַנג ניט אַראָפּ פון בעט, האָט אָנגעהויבן אַרומגיין, אַרומפירנדיק איר בלאָנדע טעכטערל, און צייטנווייס איז זי אַפּילע אומגעלאָפן, שלעפנדיק נאָך זיך איבער דער ערד די שוואַכע פיסלעך.

דערפאַר אָבער האָט די קוקלע מיר פאַרשאַפט זייער אַסאַך שווערע מינוטן. נאָך אז איך האָב זי געטראָגן אין בוזעם, גייענ־דיק צום באַרג, האָב איך אפן וועג באַגעגנט דעם אַלטן יאַנושען, וואָס האָט מיך לאַנג באַגלייט מיט די אויגן און האָט דערביי גע־שאָקלט מיטן קאָפּ.

דערנאָך, אין א צוויי טעג אַרום, האָט די אַלטע אַם באַמערקט די אַווײדע און האָט אָנגעהויבן אַרומקריכן אין אלע ווינקלען זוכן די קוקלע. סאָניע האָט זיך געסטאַרעט זי איינעמען, נאָר מיט איר נאַאיוון איינרעדן זי, אז זי דאַרף ניט די קוקלע, אז זי איז אַוועק שפּאַצירן און זי וועט זיך באַלד אומקערן, האָט זי נאָר פאַרכי־דעשט די דינסטן און האָט אַרויסגערופן א כשאד, אז דאָ איז ניט קיין פּאָשעטע אַווײדע. דער טאַטע האָט נאָך גאָרניט געוואוסט, באַ אים איז ווידער אַמאָל געווען דער אַלטער יאַנוש און איצטיקס מאָל האָט ער אים אַרויסגעטריבן נאָך מיט מער קאַס. אין דעמ־זעלבן טאָג אָבער האָט מיך דער טאַטע אָפּגעשטעלט אפן וועג צו דער סאָד־פּאָרטקע און האָט מיר געהייסן בלייבן אינדערהיים. אף מאָרגן האָט זיך איבערגעכאַזערט דאָסזעלבע, און ערשט אפן פערטן טאָג בין איך אופגעשטאַנען גאַנצפרי און בין אַוועק איבערן פאַרקאַן, אַז דער טאַטע איז נאָך געשלאָפן.

אפן באַרג האָט געהאַלטן שלעכט. מאַרוסיע האָט זיך ווידער אַמאָל געלייגט צום בעט, און ס'איז איר געוואָרן נאָך ערגער. אף איר פּאָנים האָט מאָדנע געברענט די פאַרב, די בלאָנדע האָר האָבן זיך צעוואָרפן איבערן קישן; זי האָט קיינעם ניט דערקענט. לעבן איר איז געלעגן די אומגליקלעכע קוקלע מיט ראָזע באַקן און מיט נאַרעשע גלאַנצנדיקע אויגן.

איך האָב דערציילט וואַלעקן מיינע שרעקן, און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מע מוז די קוקלע אָפּטראָגן צוריק, ווער רעדט נאָך איצט, אַז מאַרוסיע וועט דאָס בעמיילע ניט באַמערקן. נאָר מיר האָבן א טאָעס געהאַט. דאָס מיידעלע איז געלעגן א פאַרטראָגענע, אָבער ווי נאָר איך האָב אַרויסגענומען די קוקלע פון אירע הענט,

האָט זי געעפנט די אויגן, האָט א קוק געטון אַרום זיך מיט צע־מישטע אויגן, ווי זי וואָלט מיך ניט געזעען און וואָלט ניט געוואוסט, וואָס ס'קומט פאָר מיט איר און האָט זיך פלוצלים שטיל־שטיל צעוויינט, נאָר אַזוי טרויעריק, און אף איר אויסגעמאָגערט פּענימל האָט פון אונטער דער פּאַרטראָגנקייט א שווינד געטון אן אויסדרוק פון אזא טיפן צאַר, אז איך האָב באַלד א דערשראָקענער צוריק אַוועקגעלייגט די קוקלע אפן פריערדיקן אָרט. דאָס מיידעלע האָט מיט א שמייכל צוגעדריקט די קוקלע צו זיך און האָט זיך באַרו־איקט. איך האָב פאַרשטאַנען, אז איך האָב געוואָלט אָפּנעמען באַ מיין קליינעם פריינד די ערשטע און די לעצטע פרייד פון איר קורצן לעבן.

וואַלעק האָט אָפּהענטיק א קוק געטון אף מיר.

— וואָס זשע וועט איצטער זיין? האָט ער טרויעריק גע־פרעגט.

טיבורצי איז געזעסן אַפן ביינקל מיט אַ טרויעריק געבויגענעם קאָפּ און האָט אויך אַף מיר געקוקט מיט פרעגנדיקע אויגן. דער־פאַר האָב איך זיך געסטאַרעט מאַכן אַ גלייכגילטיק פּאָנים און כ'האָב געזאָגט:

— גאָרניט! די אם האָט שוין זיכער פאַרגעסן.

נאָר די אַלטע האָט ניט פאַרגעסן. אַז איך האָב זיך דאָס מאָל אומגעקערט אַהיים, האָב איך באַ דער פאָרטקע נאָכאַמאָל באַגעגנט יאַנושן. סאָניען האָב איך געטראָפן מיט פאַרוויינטע אויגן, און די אם האָט אף מיר אַ וואָרף געטון אַ בייזן קוק און האָט עפּעס געוואָרטשעט מיט איר אָנציינינקן, שעפּעליאַוון מויל.

דער טאַטע האָט מיך געפרעגט, וואוהין בין איך געגאַנגען און אויסהערנדיק אופמערקזאַם מיין געווייינלעכן ענטפער, האָט ער זיך באַגרענעצט דערמיט, וואָס ער האָט מיר איבערגעכאַזערט זיין באַפויל, אַז איך זאָל אַף קיין פאַל ניט אַוועקגיין פון דער היים אָן זיין דערלויבעניש. דער באַפויל איז געווען אַ קאַטעגאָרישער און ווייער אַן אַנטשלאָסענער, און איך האָב זיך ניט דערוועגט אויוועך

זיין אַף אים, נאָר כ'האָב זיך אויך ניט דערוועגט זיך ווענדן צו אים נאָך אַ דערלויבעניש.

עס זיינען דורכגעגאַנגען פיר שווערע טעג. איך בין אומגעגאַן אַן אומעטיקער איבערן גאָרטן און איך האָב מיט בייַנקשאַפט געקוקט צום באַרג־צו. אויסער דעם, האָב איך ארויסגעקוקט אַף דעם געוויטער, וואָס האָט זיך געקליבן אַף מיין קאָפּ. וואָס וועט זיין, האָב איך ניט געוואוסט, נאָר אַפן האַרצן איז מיר געווען שווער. פאַרן גאַנצן לעבן האָט מיך נאָך קיינער ניט באַשטראָפט, און מיין טאַטע, איז ניט נאָר ער האָט מיך קיינמאָל מיט קיין פינגער ניט אַ ריר געטון, נאָר כ'האָב פון אים קיינמאָל קיין הויך וואָרט ניט געהערט.

איצט האָט מיך געמאַטערט אַ שווערער פּאַראַגעפיל.

סאָפּקאָלסאָף האָט מען מיך גערופן צום טאַטן אין קאַבינעט. איך בין אריין און האָב זיך דערשראָקן אָפּגעשטעלט באַ דער טיר. אין פענצטער האָט אריינגעקוקט אַ טרויעריקע האַרבסטיקע זון. דער טאַטע איז געזעסן אין זיין פאָטעל פאַרן פּאָרטרעט פון מיין מוטער און האָט זיך צו מיר ניט אויסגעקערעוועט. איך האָב געהערט דאָס אומרואיק קלאַפּן פון מיין אייגן האַרץ. נאָר אָט האָט ער זיך אויסגעקערעוועט צו מיר. איך האָב אַף אים אופגעהויבן די אויגן און כ'האָב זיי באַלד אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד. דעם טאַטנס פּאָנים האָט זיך מיר אויסגעוויזן איז אַ שרעקלעכס. ס'איז דורכגעגאַנגען באַ אַ האַלבע מינוט און אין מעשעך פון דער צייט האָב איך געפילט אַף זיך אַ שווערן אומבאַוועגלעכן, דריקנדיקן קוק...

— דו האָסט גענומען באַ דער שוועסטער די קוקלע?

אָט די ווערטער זיינען פּלוצלינג אַראָפּגעפאַלן אַף מיר אזוי קלאָר און שאַרף, אַז איך האָב אַ ציטער געטון.

— יאָ, — האָב איך שטיל געענטפערט.

— און דו ווייסט, אַז דאָס איז דער מאַמעס אַ מאַטאָנע, וואָס דו דאַרפסט זי האַלטן טייער, ווי אַ הייליקייט?... דו האָסט זי צוגעגאַנוועט?...

— ניין, — האָב איך געזאָגט, אופהייבנדיק דעם קאָפּ.

— וואָס ניין? — האָט ער פלוצלינג אַ געשריי געטון, אָפּ־שטופנדיק דעם פּאָטעל. — דו האָסט זי אַוועקגעגאַנוועט און אוועק־געטראָגן... ווּעמען האָסטו זי אַוועקגעטראָגן?... זאָג!

ער איז געשווינד צוגעגאַנגען צו מיר און האָט ארופגעלייגט אַ שווערע האַנט מיר אפן אַקסל. איך האָב מיט אַן אָנשטריינגונג אופגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטון אַרויף. דעם טאַטנס פּאָנים איז געווען בלאַס. איך האָב זיך אינגאַנצן איינגעהאָרבעט.

דער טאַטע האָט שווער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. איך האָב זיך נאָך מער איינגעהאָרבעט, ביטערע טרערן האָבן געבּרענט מיינע באַקן. איך האָב געוואַרט.

— ע־הע־הע! — האָט זיך פלוצלינג דורכן אָפענעם פענצטער דערהערט טיבורציס שאַרפע שטים. — איך זע, — האָט טיבורצי פאַרגעזעצט, אַריינגייענדיק אין אַ פּאָר מינוט ארום אין צימער אַריין, — איך זע, אַז מיין יונגער פריינט געפינט זיך אין אַ שווע־רער לאַגע.

דער טאַטע האָט אים באַגעגנט מיט אַ פינצטערן בייזן קוק, נאָר טיבורצי האָט דעם קוק רואיק אויסגעהאַלטן. ער איז געווען ערנסט, האָט זיך ניט געקרימט און זיינע אויגן האָבן עפּעס גע־קוקט באַזונדערס טרויעריק.

— פּאַן ריכטער! — האָט ער ווייך געזאָגט: — איר זיינט אַ מענטש אַן עמעסער... לאָזט אָפּ דאָס קינד. איך שווער אייך, אַז ער האָט קיין שלעכטס ניט געטון, און אויב דאָס הארץ זיינס ליגט צו מיינע אָפּגעריסענע קינדער, שווער איך אייך בּאַ גאָט, בעסער הייסט מיך אופהיינגען, נאָר איך וועל ניט דערלאָזן, אַז דעם איינגל זאָל דערפאַר עפּעס געשען שלעכטס. אָט איז דיין קוקלע, מיין טייערער.

דעם טאַטנס האַנט, וואָס האָט מיך געהאַלטן באַם אַקסל, האָט זיך צענומען. ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרוואונדערטער.

— וואָס הייסט עס? — האָט ער צום סאָף געפרעגט.

— לאָזט אָפּ דאָס אינגל, — האָט טיבורצי איבערגעכאַזערט, און מיט זיין ברייטער האַנט האָט ער צאַרט אַ גלעט געטון מיין אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. — איר וועט זיך בא אים גאָרנישט ניט דער־שלאָגן מיט בייזן, און איך וועל אייך גערן דערציילן אַלץ, וואָס איר ווילט וויסן... לאָמיר ארויסגיין, פאַן ריכטער, אין צווייטן צימער.

איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען אַף דעם אייגענעם אָרט, ווען די טיר פון קאַבינעט האָט זיך געעפנט און זיי זיינען ביידע צו־ריק אַריינגעקומען. איך האָב ווידער דערפילט אַף מיין קאָפּ עמעצנס האַנט און איך האָב אַ ציטער געטון. דאָס איז געווען דעם טאַטנס האַנט, וואָס האָט צאַרט געגלעט מיינע האָר.

טיבורצי האָט מיך גענומען פאַר אַ האַנט און האָט מיך דאָ פאַרן טאַטן אַוועקגעזעצט צו זיך אַף די קני.

— קום צו אונז, — האָט ער געזאָגט, — דיין פאָטער האָט דיך אָפּגעלאָזן, זאָלסט גיין זיך געזעגענען מיט מיין מיידעלע. זי... זי איז געשטאָרבן.

טיבורציס שטים האָט אַ ציטער געטון. ער האָט עפּעס מאָדנע אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן, נאָר באַלד איז ער אופגע־שטאַנען, האָט מיך אַוועקגעשטעלט אַף דער ערד, האָט זיך אויס־געגלייכט און איז אַפּדערגיך ארויס פון צימער.

איך האָב פרעגנדיק אופגעהויבן די אויגן אַפן טאַטן.

איצט איז געשטאַנען פאַר מיר גאָר אַן אַנדער מענטש, און אין דעם מענטשן האָב איך געפונען עפּעס אייגנס, אַזוינס, וואָס איך האָב אומזיסט אין אים פריער געזוכט. ער האָט געקוקט אַף מיר מיט זיין געוויינלעכן, עטוואָס פארנעפּלטן קוק, נאָר איצט איז אין דעם קוק געווען נאָר פאַרקלערטקייט, צארטקייט און אזוי ווי עפּעס אַ פראַגע.

איך האָב מיט צוטרוי גענומען זיין האַנט און איך האָב גע־זאָגט:

— איך האָב דאָך ניט געגאַנוועט... סאָניע האָט מיר געגעבן אַף אַ קליינער צייט...

— יאָ־יאָ, — האָט ער געענטפערט פאַרטראַכט, — איך ווייס... איך בין שולדיק, מיין קינד, און דו ווילסט זיך סטאַרען דאָס אַמאָל פאַרגעסן, עמעס?

איך האָב ראַש אַ כאַפּ געטון זיין האַנט און האָב זי אָנגע־הויבן קושן... איך האָב געוואוסט, אַז איצט וועט ער שוין קיינ־מאָל אַף מיר ניט קוקן מיט יענע שטריינגע אויגן, מיט וועלכע ער האָט אַף מיר ערשט מיט עטלעכע מינוט צוריק געקוקט. און די לאַנג איינגעהאַלטענע ליבע מיינע האָט אומגעשטערט זיך אַ גאָס געטון, ווי אַ שטראָם. איצט האָב איך שוין פאַר אים ניט מוירע געהאַט.

— דו וועסט מיך איצט אָפּלאָזן אַפן באַרג? — האָב איך גע־פרעגט, דערמאָנענדיק זיך אין טיבורציס איינלאַדונג.

— יאָ־אָ... גיי, — גיי... מיין קינד, — האָט ער ווייך אויסגע־רעדט נאָך מיט דעמזועלבן אויסדרוק און קאָל, ווי ער וואָלט עפּעס ניט געקענט באַגרייפן... — נאָר אָט וואָס, שטיי, מיין קינד, וואַרט צו אַביסל.

ער איז אַריין אין זיין שלאָפצימער און אין אַ מינוט ארום איז ער ארויס פונדאָרט און האָט מיר אַריינגעלייגט אין האַנט אַריין עטלעכע פּאַפּירלעך.

— גיב דאָס איבער... טיבורצין... זאָג, אַז איך בעט אים אונטערטעניקסט, פאַרשטייסט? — אונטערטעניקסט בעט איך נעמען די געלט... פון דיר... האָסט פאַרשטאַנען? נו, איצט גיי, מיין קינד, גיי גיכער!

איך האָב דעריאָגט טיבורצין שוין אַפן באַרג און פאַרסאָ־פּעט, פּלאָנטענדיק, האָב איך אים איבערגעבן דעם טאַטנס שליכעס.

— אונטערטעניקסט... בעט... דער טאַטע...

און איך האָב אים אָנגעהויבן שטופּן די געלט אין האַנט אַריין. איך האָב אים אין פּאָנים ניט געקוקט. ער האָט די געלט גענומען.

אין קעלער־הייל אין אַ פינצטערן ווינקל איז מאַרוסיע געלעגן אַף אַ בײנקל. דאָס וואָרט „טויט" האָט נאָך ניט די גאַנצע באַ־

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] האט דער
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible]. האט [illegible] [illegible] פארזאָרגט
[illegible] [illegible].

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] אין אן [illegible]
[illegible] [illegible] א [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] פארמאגנטע
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] אין אריינגע-
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] האט זיך
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]
[illegible].

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] א
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] פון דער
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible].